STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03216

DI ERSHTE NAKHT IN GETO

Abraham Sutzkever

Permanent preservation of this book was made possible
by Reva Koblenz Swartz
in honor of
her parents, Fanny G. & Abraham I. Koblenz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַבֿרהם סוצקעווער

די ערשטע נאַכט אין געטאָ

צייכענונגען שמואל בק

Public Library, Newark

פֿאַרלאַג די גאָלדענע קייט * תל־אָבֿיבֿ 1979

1

אַבֿרהם סוצקעווער • די ערשטע נאַכט אין געטאָ •
לידער, לידוואַריאַנטן, פֿראַגמענטן, געשריבן אין די
חורבן־יאָרן 1941—1944 • צייכענונגען שמואל בק

ABRAHAM SUTZKEVER

DI ERSHTE NAKHT IN GHETTO POEMS 1941—1944

Drawings by SAMUEL BAK

Published by DI GOLDENE KEYT Printed in Israel 1979
אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פֿון קרן תל־אביב לספרות ולאמנות

*

דער יונגער קאָפּ פֿון מײַן געיאָגטער שוועסטער
איז געקומען רוען אין מײַן אָרעם.

קנויליקע גופֿים
אין זײַדענע שלאַנגען
גליִען שוין אויס
אויף מזבחות
פֿון פֿעלדער.

בעט זיך מײַן שוועסטער:
לייען מיר, לייען,
ס׳איז קיין מאָל ניט שפּעט צו דערפֿרייען
מײַן ליבשאַפֿט.

האָב איך געלייענט.

1941

★

די מאָס פֿון טאָג איז ענג און קליין
פֿאַר דײַן געזאַנג, פֿאַר דײַן געוויין.
דעריבער
גיסט זיך שוין די פֿולע מאָס אַריבער
און ס׳הוידעט זיך אַ חלף קעגן איבער
אויפֿן שוואַרצן שלײַפֿשטיין פֿון דער נאַכט.

און לאַנג דער חלף, אָן אַ סוף
און דו — אַ ניט־דערקווילעט עוף.

1941



דער צירק

זאָג מיר, ברודער מײַנער, זאָג,
וואָס איז ער, וואָס באַטײַט ער, אונדזער הינטישער גערהאַנגל?
דאָס האָרץ איז דול.
אַנטלאָפֿן זענען אַלע שיינע ווערטער,
גלײַך בינען פֿון אַ בינשטאָק אַ באַגאַרטלטער מיט רויך.
נאָר ערגעץ אין אַ הינטערגעסל פֿון באַוווסטזײַן שלאָגט נאָך
אַ צוקנדיקער פּיצל נערוו געראַטעוועט פֿון חורבן,
אַ לעצטער קרעכץ וואָס ווידערשפּעניקט יענע בלינדע שטילקייט
וואָס ווערט פֿאַרחתמעט מיט אַ הויפֿן ערד.

ווער זענען מיר?
וואָס איז דער זין פֿון אַלע אונדזערע לײַדן?
אויב נאָר צו זײַן קרבנות פֿאַר אַ בלוטדאַרשטיקן האַר,
דענצמאָל זאָלן אַנשטאָט אונדז געבוירן ווערן זשאַבעס!
די צונג איז אויפֿגעבלאָטערט פֿון דער זשאַווערדיקער טרייסט,
אַז וואָלף און לאַם וועט הויערן צוזאַמען.
און ווי עס ירשנט ענלעכקייט דאָס קינד פֿון טאַטע־מאַמע —
ירשען מיר די ענלעכקייט פֿון דורותדיקער פּלאָג,
פֿון זײַן פֿאַרקנעכטע קעלנערס בײַ דער וועלטס געגרייטן טיש
און הינטיש דאַנקען פֿאַר דער צוגעוואָרפֿענער מטבע.
דאָס איז די קייט די גאָלדענע וואָס בינדט צוויי טויזנט יאָר,
די טרערן־קייט אויף אונדזערע נשמות.

אַט נעכטן, דאַכט זיך, האָבן פֿאַרמען זייער מאָס פֿאַרלוירן
און תּהומען האָבן אויסגעגלײַכט די הויקערדיקע קערק
פֿאַרדעקנדיק די ניט־באַרוטע שאַרבנס פֿון די דורות
מיט האָפֿונג —
און מיר זענען גרייט געווען
די בלײַענדיקע ווונדן אָנצונעמען פֿאַר מעדאַלן
און שטאָלצעווען מיט זיי אין פֿריילעך־געציקן פּאַראַד:
— האָהאָ, מיר האָבן אויך אַ חלק אין דעם חלום־זאַקרויב,
מיר צאָלן אויכעט צינדז מיט אונדזער בלוט די רעוואָלוציעס!
מיר, מיר.
נאָר אויך דער לייב דערזעט ניט די באַצווײַגטע גרוב
וואָס לויערט אויפֿן גאַנג פֿון זײַנע לאַפּעס.

און הײַנט — — ערבֿ נאַכט, אין אַן עיגול,
אַרום שײַטערס געקופּערטע פֿליגל,
אונטער בײַטשן פֿון שטאָלענע וועכטער,
אויף דעם נעכטיקן חבֿרס געלעכטער,
און נאַקעט, מיט פּלייצעס צעשניטן,
טאַנצן מיר: איך אין דער מיטן.
און מיט די אייגענע הענט מיר באַדאַרפֿן
רײַסן דעם זילבערנעם פּאַרמעט און וואַרפֿן
אין שײַטער אַרײַן, ווי די אייגענע גלידער,
זינגענדיק פֿריילעכע רוסישע לידער.
און זע! צווישן שווערדן און שיידן
טראָגט זיך דער קול פֿון גן־עדן,
פֿלאַטערן אותיות פֿון בבֿל
און בלײַבן אויף נאַכטיקן טאַוול.
און ווײַטער, אויף קנוילן אויף הויכע,
רײַסט זיך אַרויף דער אָנכי
פֿון גיריק פֿאַרשלונגענעם פּאַרמעט
און גאַרניט —
אויך ער איז דערווײַטערט.

*

דריי זיך, דריי זיך קאַראַהאָד,
האָסט נאָך אַ געפּיל — פֿאַרברען אים.
אויב ס׳איז דאָ אַ באָד אין גיהנום
זעט דאָרט אויס אַזוי די באָד.

און דער לאָמער אָן אַ שטעקן
און דער רבֿ — דער בלינדער גרייַז,
אַלע האָפּקען אין אַ קרייַז
פֿאַר דער פֿרייד פֿון אַלע עקן.

שטייט אַ פּויערטע און קוועלט:
אָט אַ צירק, ווי גאָט איז איינער!
מאַכט איר שכן: צאָלט זיי שטיינער,
ווייַל אין צירק דאַרף קאָסטן געלט.

און אַ נפֿקא ווייַזט דער צווייטער
אויף דער נאַקעטקייט: דו זעסט?
פֿאַלן שטיינער. ס׳פֿייַער פֿרעסט.
קריכט אַ שייגעץ אויף אַ לייטער.

פֿאַלן שטיינער. פֿאַלט דער רבֿ
קושנדיק אין אַש די פֿונקען.
און זייַן שמע ווערט אויך פֿאַרזונקען
אין דער קאַלטקייט פֿון אין־סוף.

*

און איך וואָס בין געווען דער לעצט אין שענדלעכן ספּעקטאַקל
האָב ניט געהאַט קיין מוטוויל צו אַרויסשטאַמלען אַ קללה
און ניט צו מאָל דעם כּוח זיך אַ וואָרף צו טאָן אין טויט,
ווי מײַנע ברידער אין דער צײַט פֿון אַדריִאַן דעם רוימער,
בשעת דער גלויבן האָט דערשטיקט אין קערפּער די יסורים
(כאָטש אַלץ איינס איז דורכגעסמט מיט קוילנגלי מײַן האַרץ
און די אויגן פֿון מײַן גײַסט מיט רויך אַדורכגעשטאָכן).
נאָר מערער נאָך: איך האָב געקניט אַ נאַקעטער פֿאַר דעם
וואָס האָט געשענדט מײַן טאַטן אין זײַן קבֿר
און מיט טרערן ווי מיט שוואַרצע פּאָקן
געבעטן גנאָד.

פֿאַרשאָלטענער! ווו איז דײַן אַלטע שילד
וואָס האָט צעבויגן פֿעלקערלעכע שפּיזן?
דערגרייכט דיר ניט קיין פֿאַרב פֿון יענעם בילד,
האָט קיין מאָל זיך דײַן אָפּשטאַם ניט באַוויזן?

איז דאָס דײַן שטראָף צו זשיפּען האַלב געטייט
און פֿרעסן גסיסה־כאָרכל פֿון די ברידער.
ווײַל דו האָסט ניט פֿאַרדינט די לעצטע פֿרייד
פֿון ווערן אויס — דאָס מיינט: פֿון ווערן ווידער.

געשריבן אין אַ באַהעלטעניש, אָנהייב יולי 1941

די ערשטע נאַכט אין געטאָ

„די ערשטע נאַכט אין געטאָ איז די ערשטע נאַכט אין קבֿר,
דערנאָך געוווינט מען זיך שוין צו" — דאָס טרייסט אַזוי מײַן שכן
די גרינע גליווערדיקע גופֿים, אויסגעשפּרייט אויף דר'ערד.

צי קאָנען אויך פֿאַרזונקען ווערן שיפֿן אין יבשה?
איך פֿיל: סע זינקען שיפֿן אונטער מיר און בלויז די זעגלען,
צעפֿליקטע און צעטראָטענע, זיי וואַלגערן זיך אויבן:
די גרינע גליווערדיקע גופֿים, אויסגעשפּרייט אויף דר'ערד.

ס'איז ביזן האַלדז — —
עס הענגט איבער מײַן קאָפּ אַ לאַנגע רינע
מיט זומער־פֿעדעם צוגעשפּונען צו אַ חורבֿה. קיינער
באַוווינט ניט אירע קאַמערן. בלויז ברומענדיקע ציגל,
אַרויסגעריסענע מיט שטיקער פֿלייש פֿון אירע ווענט.

אַרײַנשפּילן אין רינע פֿלעגט אַן אַנדער צײַט אַ רעגן,
אַ לינדער, ווייכער, בענטשנדיקער. מאַמעס פֿלעגן אונטן
אַנידערשטעלן עמערס פֿאַר דער זיסער וואָלקנמילך
צו צוואָגן טעכטער, גלאַנצן זאָלן מזלדיק די צעפּ.
אַצינד — ניטאָ די מאַמעס, ניט די טעכטער, ניט קיין רעגן,
בלויז ציגל אין אַ חורבֿה. בלויז די ברומענדיקע ציגל,
אַרויסגעריסענע מיט שטיקער פֿלייש פֿון אירע ווענט.

ס'איז נאַכט. עס רינט אַ שוואַרצער סם. איך בין אַ האָלאָוועשקע,
פֿאַרראַטן פֿונעם לעצטן פֿונק און תּהומיק אויסגעלאָשן.
אַ שוועסטער איז מיר בלויז די חורבֿה. און דער פֿײַכטער ווינט,
אָן־אָטעם צוגעפֿאַלן צו מײַן מויל מיט מילדן חסד,
באַגלייט מײַן גײַסט, וואָס טיילט זיך אויס פֿון שמאַטיקן געביין,
ווי ס'טיילט זיך אויס דאָס פֿלאַטערל פֿון וואָרעם. און די רינע
הענגט אַלץ איבער מײַן קאָפּ אַן אויפֿגעהויבענע אין חלל
און ס'רינט דורך איר דער שוואַרצער סם אַ טראָפּן נאָך אַ טראָפּן.

און פּלוצעם — יעדער טראָפּן ווערט אַן אויג. איך בין אין גאַנצן
אַדורכגעאויגט מיט ליכט. אַ נעץ פֿון ליכט בײַם שעפּן ליכט.
און איבער מיר די רינע צו דער חורבֿה צוגעשפּונען,
אַ טעלעסקאָפּ. איך שווים אַרײַן אין זײַן געשליף און בליקן
פֿאַראייניקן זיך ליכטיקע. אָט זענען זיי, ווי נעכטן,
די היימישע, די לעבעדיקע שטערן פֿון מײַן שטאָט.
און צווישן זיי — אויך יענער נאָכהבֿדלהדיקער שטערן
וואָס מאַמעליפּן האָבן אים אַרויפֿגעווונטשן: גוט־וואָך.

און ס'ווערט מיר גוט. ניטאָ ווער ס'זאָל פֿאַרטונקלען אים, צעשטערן,
און לעבן מוז איך, ווײַל עס לעבט מײַן מאַמעס גוטער שטערן.

1941, 1971

פֿון דער פּאָעמע דרײַ רויזן

א

צעשערבלטער זונפֿאַרגאַנג — וואַרעמער האָגל,
די צײַט אויף מײַן צונג האָט פֿאַרלוירן דעם זינען.
לויף איך און פֿאַל ווי אַ שטיין
אין אַן אָפּגרונט
און פֿאַלנדיק וויל איך אַן אויסלייז געפֿינען.

און פֿאַלנדיק דאַוון איך צו דער פֿאַרגעסונג
פֿאַרליאָפּען זי זאָל מײַן זכּרון מיט אָלים.
ביז וואַנען איך ליג אויפֿן דעק פֿון אַן אָפּגרונט,
אויף צערטלעכע
ראָז־ווייכע שלענג
פֿון אַ חלום.

און דאַכט זיך די שלענג זייגן־אויס מײַן זכּרון,
פֿאַרלעשן די ריחות,
פֿאַרטונקלען די פֿאַרבן
און פֿינצטערניש־מעסער שנײַדט־אויף אַזאַ אָדער
דורך וואַנען די צײַט
ריזלט־אויס פֿון מײַן שאַרבן,
דאַך קאָן זיך מײַן רעיון
פֿון זיך ניט באַפֿרײַען:
אונטערן אַש פֿון געוועזענעם לעבן
(דאָרט גליִען די שפּליטערס
פֿון געטלעכן פּורעם)
אַנטפּלעקט זיך מײַן מאַמע
אין קווייטן־פֿאַטשיילע
און אויגן: צוויי בענטשליכט אין שטורעם.

ב

דו האָסט זיך באַהאַלטן, באַהאַלטן, באַהאַלטן,
אַ וואַנט האָט געפּלאַצט און פֿאַרשלונגען אין שפּאַלטן
בעת ווערעמדיק האָבן דײַן אָטעם געזוכט
סמאלס געשטאַלטן.

געזוכט — ניט געפֿונען, זיך אָפּגעשאַרט שיכּור,
און פּלוצעם: ווער ברעכט עס די ווענטיקע שטיקער?
אַ ייִד... מגן־דוד... צי ביסטו עס, קינד,
אפֿשר גאָר דער באַגליקער?

אַ טעות, אַ טעות, דער ייִד האָט פֿאַרראָטן,
ער שלעפּט פֿאַר די האָר און דער שלעפּ איז געראָטן.
און די האָר ווערן ווײַס, אין אַן אויגנבליק ווײַס,
מיט שנייען באַשאָטן.

ג

אַ וואָגשאָל ניט צו באַרירן
וויגט זיך אַהין־אַהער:
פֿון איין זײַט אַ וועלט אין קאַפּויער
און איך געקרייצט אויף אַ טויער,
אויף צווייטער — אַ קליינע טרער.

די וועלט באַוווּרעמט מיט מענטשן,
האָט ניט פֿון מענטש קיין באַגריף.
נאָר די טרער וואָס לאָזט זיך ניט טיילן
קען וועגן טויט דערציילן
און וועגט אַראָפּ אין דער טיף.

ד

ווער לויפֿט עס דורך דער טויטער שטאָט מיט אויפֿגעפֿאָכטע פֿליגל,
ווי אַן עוף מיט חלף־שניט אין האַלדז,
אַרויסגעריסן
פֿונעם קוילערס אײַנגעפֿלעקטע הענט?
מיט שוואַרצע רויכן
וויקלט אים די נאַכט,
ניט צו דערקענען.
אָבער ס׳האַרץ מײַנס,
וואָס פֿאַרלויפֿט געשעונגען
און פֿילט דאָס ניט־דערפֿילטע,
קלאַפּט אין ריטעם פֿון אַיענעמס לאַף
און וואָס אַ רגע
לויפֿט עס גיכער, גיכער
שוין באַפֿרײַט פֿון אַלע מאָסן.
פֿינף מאָל,
צען מאָל,
הונדערט מאָל
אַזוי דער גיך ווי יענער,
ביזקל עס דערפֿלאַטערט צו די טויערן פֿון געטאָ
ווו ס׳הענגט אַ שילד מיט רײַסנדיקע אותיות:
אַכטונג!
פעסט.
פֿאַר ניט־ייִדן פֿאַרבאָטן.
און דאָרטן כאַפּט עס דעם געשטאַלט בײַם קאָלנער
ווי אַ גנבֿ
און פֿאַרן ליכט פֿון אויסגעזעצטע שויבן־ווײַסלען
זעט עס:

אַ מענטש די גרייס אַ פֿינגערהוט,
און גרעסער ווי אַיעדער.
אָן בגדים.
ווינטיש נאַקעט.
זייַן הויט פֿון בלויען כוואַליעדיקן גלאָז
איז דורכזיכטיק
און זי אַנטפּלעקט, אַ שרעק אַזוינס צו גלייבן,
אַל דאָס אינעווייניקסטע, פֿאַרשטעלטע:
אַ מחנה חושים אָנגעטאָן אין קייטן
ווי פֿאַרברעכערס
און איבער זיי אַ פּורפּלנע נאַגייַקע.
און יעדער חוש באַזונדער
בייַסט בייַם אַנדערן דעם גאָרגל:
— דו ביסט שולדיק, דו.
און שרייַט אויף יִדיש...

דאָס רעכטע אויג איז גאָלדיק־בלוי,
אַ דענקמאָל נאָך אַ קינדהייט
אינעם קבֿר פֿון אַ דימענט.
און ס'לינקע, שוין אָן אַלץ געזעגנס,
אַן אויסגעבליצטער וואָלקן,
און אויפֿן וואָלקן בעלמעט זיך
אַ געלער מגן־דוד.

ה

צי ווײַל עס וויל מײַן גולם־קאָפּ אַדורכהאַקן די ערד,
צי ווײַל עס בענקען מײַנע פּיאַטעס צו דערזען די שטערן,
מיך ציט אַ פֿלי צו טאָן פֿון דאַך מיט שאַרפֿקייט פֿון אַ שווערד
און אויס נקמה זיך אַליין צעשטערן.

ו

ניין, ס'איז דײַן ריידן צו גנעדיק, צו מאַמיש,
טרייסט וועט ניט היילן ווען זינד איז צו טמא.
בין איך צו שוואַך צו דערשטעכן דײַן מערדער —
נעמען אין זיך מוז איך דעמאָלט נקמה.

באַצאָלונג מוז קומען. און איך, דײַן געבוירנס,
מוז ווערן אויף אייגענעם גורל דער דיין.
ווי אַ צעבראָכענער ביין פֿון זײַן ווייטיק
וויל זיך מײַן גײַסט פֿון דער תּפֿיסה באַפֿרײַען.

און אפֿשר איז אָפּגרונטיק־פֿאַלש דער אַ חשבון
און **דאָס** איז די שטראָף: זיך צו פּײַניקן ווײַטער?
און אפֿשר דערפֿאַר איז געבליבן דײַן ליבשאַפֿט
און לאָזט מיך ניט ווערן אַן אייביק באַפֿרײַטער?

ז

איך עפֿן אַ פֿענצטער אַ פֿראָסט זאָל אַרײַן,
לבֿנה זאָל אויפֿהענגען מיך אויף איר שײַן.
אַלץ וואַרעמער ווערט מײַן געבליט ווען איך פֿריר,
אַלץ ווײַטער פֿון שטוב און אַלץ נענטער צו דיר.

ח

ווײַל **דו** ביסט דעם טײַך שוין אַריבערגעשוווּמען
ביסטו שוין פֿרײַ
און דײַן לעבנס־קאַליר
אַוועק מיט די כוואַליעס.

אויף יענער זײַט ברעג
איז ניטאָ קיין זכרון.
געדענקסט ניט אַפֿילו
ווי קומסטו אַהין,
ווײַל דעם טויט ס׳טו געלאָזן
אויף **דער** זײַט.

און אויף דער זײַט בין איך
מיט דײַן גסיסה אין מוח,
וואָס זעטיקט מיך, נערט,
ווי בײַם אָנהייב דײַן מילך,
נאָר באַרירן דיך קאָן איך ניט, מאַמע.

ווײַל **דו** ביסט אַ נעפּל
געשפּונען פֿון טרערן
און איך — אַזאַ קנויל
צעשניטענע ווערטער
(ווו איין וואָרט: נקמה
האַלט נאָר אין זשיפּען)
און כ׳וואַרט אַז דער טײַך
זאָל אַ שטראָם טאָן, אַ ריס טאָן
אונטער די טריט
און מײַן לעבנס־קאַליר
זאָל אַניאָגן דײַנעם.

ט

כ׳וועל נעמען אַ רידל, אַוועקגיין דיך זוכן,
צעאַקערן פֿעלדער און דורכגראָבן קבֿרים.
כ׳וועל פֿרעגן די גראָזן און דערנער פֿאַרזוכן
און פֿילן דײַן שאָטן בײַ מיר אויפֿן אָרעם.

און וועל איך ניט קענען אַהין־צו דערלאַנגען,
כ׳וועל גראָבן אין ווערטער און רידלען אין קלאַנגען.
ביז וואַנען איך וועל ניט באַפֿרײַען די רויזן
פֿון טונקעלן לאַנד ווו זיי זענען פֿאַרגאַנגען.

ווילנער געטאָ, אָקטאָבער 1942

★

שטאַרקער פֿאַר נקמה אין די מערדערס פֿון דיין מאַמען
זאָל זיין דיין ליבשאַפֿט צו דיין מאַמעס האַרץ,
ווען מעס קערנער טראָגן זיך ווי פֿרילינגדיקע ריחות
און וועלן ביי דיין מידבר־שוועל,
פֿון ביינערדיקע זאַמדן,
אַרויסבליִען פֿאַר דיר אין שעה פֿון ביטערקייט
אַ גלויבן!

ווילנער געטאָ ניינטן אַפּריל 1943

אַ שווערד מיט פֿליגל

דו האָסט צו מיר אַראָפּגעשיקט אין וואָר און אויך אין חלום
דעם האַר פֿון ליידן און געזאָגט: באַצאָל אים!
נאָר איך האָב אויסגערופֿן ווי סע פּאַסט:
— געבענטשטער גאַסט!

און כ׳האָב אַנטבלויזט מײַן לײַב און מײַנע אײַנגעפֿלײשטע ווערטער:
— פֿאַרשטיל דײַן תּאווה, **איך** בין דײַן באַשערטער!
אין אָפּענעם, אין גלידערדיקן שיכט
פֿאַרזייִ דײַן ליכט.

און בין איך פֿול, ווי קליין די פּײַן אַנטקעגן גרויסן פילן!
אַנשטאָט יסורים — **געטלעכע באַצילן.**
זיי ברענען אויס די שוואַכקייט און סע ווערט
מײַן גוף אַ שווערד.

אַצינד אין ראַנגלעניש מיט וועלט בין איך אַ שווערד מיט פֿליגל.
דײַן פּנים קוואַלט אין שווערדיקן געשפּיגל.
דאָס האָט דער האַר פֿון ליידן מיר באַשאַפֿט
די גרויסע קראַפֿט...

ווילנער געטאָ, צוואַנציקסטן מײַ 1943

★

קלינג אין די גלעקער פֿון טויבן געוויסן
דו וועכטער געךעכטער פֿון טורעם.
זאָל יעדער איצט ווערן אַ פֿעסטונג און שליסן
אַ בונד קעגן אײַזערנעם שטורעם.

ווי קוילן צעבלאָז די פֿאַרשטיקטע געמיטער
אַפֿילו ווען ס׳גליט ניט קיין האָפֿן.
סע זאָל אין די פֿינגער ניט געבן קיין ציטער
דער הייליקער ייִדישער וואָפֿן.

ווילנער געטאָ, פֿערצנטן יולי 1943

★

מיַין יעדער אָטעם איז פֿאַר מיר אַ קללה,
אַ ליאַדע רגע ווער איך מערער יתום.
און איך אַליין די יתומקייט פֿאַרשאַף
מיט פֿינגער וואָס איך שווידער זיי צו אָנזען
אַפֿילו אין די נעכט.

אָנוסטן האָט אויף געטאָדיקן ברוק אַדורכגעקלימפּערט
אַ וואָגן שיך, נאָך וואַרעמע פֿון אָקערשטיקע פֿיס,
אַ שווידערלער געשאַנק פֿון די פּאַרטיליקערס...
און כ׳האָב
דערקענט צעווישן זיי דער מאַמעס אַ צעקרימטן שוך
מיט בלוט־באַפּלעקטע ליפּן אויפֿן אויפֿגעפּראַלטן מויל.

— מאַמע, בין איך נאָכגעלאָפֿן, מאַמע,
לאָז מיך זיַין אַ קרבן פֿאַר דיַין ליבשאַפֿט,
לאָז מיך פֿאַלן אויף די קני און קושן
די שטויבעלער אַרום דיַין הייליק־צאַפּלענדיקן שוך
און אָנטאָן אים פֿאַר אַ של־ראָש
ביַים אָנרופֿן דיַין נאָמען!

נאָר דעמאָלט האָבן אַלע שיך, פֿאַרוועבט אין מײַנע טרערן,
שוין אויסגעזען די זעלבע ווי דער מאַמעס.
און צוריק איז אָפּגעפֿאַלן מײַן געשטרעקטע האַנט
ווי בײַם וועלן אָנכאַפּן אַ חלום.

פֿון יענער שעה איז מײַן געוויסן אַ צעקרימטער שוך.
און ווי אַ מאָל צו גאָט, אַזוי אַצינד מײַן קראַנקע תּפֿילה
קלאָג איך אויס צו אים, און וואַרט
אויף נײַערע יסורים.
און אויך מײַן איצטיק ליד איז בלויז אַ וווּנד,
אַ פֿיבער וואָס איז אָפּגעריסן פֿונעם פֿרעמדן גוף.
קיין הערער איז ניטאָ.
איך בין אַליין.
אַליין מיט מײַנע דרײַסיק יאָר אין וועמעס גרוב סע פֿוילן
אַזוינס וואָס האָט אַ מאָל געהייסן
טאַטע.
מאַמע.
קינד.

ווילנער געטאָ, דרײַסיקסטן יולי 1943

*

דער נבֿיא ברענט אויף אַ מזבח,
אַרום דעם נבֿיא קרײַזט אַ קראָ.
געזאַלבט מיט זײַנע פֿונקען גיי איך
אַנטקעגן שפּיגל פֿון מײַן שעה:

די קראָ פֿאַרוואַרפֿט אַרום די פֿלאַמען
אַ שוואַרצע רויכערדיקע שטריק
און דרייט אַלץ נענטער זיך צוזאַמען
אַרום דעם נבֿיאס לעצטן בליק.

די קראָ אַליין שוין ברענט ווי צונטער,
זי וויגט אין פֿלאַם זיך פֿול מיט גליק,
ווי אויף אַ צווײַג, און פֿליט אַרונטער
און פּיקט אַרויס דעם נבֿיאס בליק.

און ס'טראָגט אין שנאָבל איצט די קראָ שוין
די זעונג זײַנע און זײַן ליכט
צו מיר, צו מיר. ביז האַלב פֿאַרלאָשן
איך זע די זעונג אומגעריכט.

ס'איז ניט קיין חלום פֿון אַ דיכטער,
דער נבֿיא טרייסט, איך טרייסט ווי ער
און זע די וועלט דורך זיבן ליכטער
געשפּיגלט אין דעם נבֿיאס טרער.

ווילנער געטאָ, 1943

א

מע האָט אונדז געפֿאַנגען, מיר זענען געגאַנגען
דורך געסלער באַהאַנגען
מיט הינטיש געלעכטער.
מיר האָבן געשפּאַנט אויפֿן ברוק זאַלבע דריט.
און הינטער די מידע געצוווּנגענע טריט —
דרײַ שאָטנס,
דרײַ אײַזערנע וועכטער.

ב

מיר זענען געגאַנגען. מיר גייען נאָך איצטער.
אַ קאַרשנבויםווינקט אונדז אַרויס דורך אַ פּלאַנקען
און שטרעקט זײַנע פּירות
און קילט די געדאַנקען.
אַ וואָלקנדל בײַט זײַן געשטאַלט
ווי דער גורל:
דאָ איז ער גאָט
און דאָ איז ער תּלין.
און אָט קומט אַנטקעגן אַ מחנה ציגײַנער:
קעפּעלעך שרעק
אין צעריסענע בוידן
קוקן אונדז אָן ווי אַמאָליקע ברידער
געוויקלט אין הויט פֿון דעם זעלביקן מיזרח.
און ס'ליגן אויף זייערע שמאַכטיקע ליפּן
די פֿריילעכע לידער
פֿאַרגעלט און דערוואָרגן,
גלײַך ווי זיי וואָלטן דערשפּירט אונדזער מאָרגן.

ג

פֿרעג ניט וווהין?
יעדער אָטעם איז גליק, יעדער טראָט אַ געווין.
און עס מיינט דאָך אויף זיכער דער פּורפּלנער קנוט,
אַז אַ שניט אויף דער באַק איז אַ תּפֿילה, איז גוט.

פֿרעג ניט פֿאַר וואָס?
ווײַל ניט דו ביסט דער מעסטער, דו — בלויז די מאָס.
אין דײַן אייגענעם לײַב איז פֿאַראַן אַזאַ מאַכט
דו זאָלסט קוואַלן מיט פּײַן ווי דער דרויסן מיט נאַכט.

1943

*

די ליפּן מײַנע — שטײנעריקע לוחות,
ווו אַלט געקריץ פֿון דורות ניט פֿאַרלירט זיך.
זיי נידערן אַנטקעגן וועלטס מלוכות,
נאָר אויסגעמעקט פֿון זיי איז דער לא תרצח.

אָט באַלד וועט זון דערברענען אין די קריצן
און איך אין מײַן פֿאַרטיידיקונג אין לעצטער
אַ שלײַדער וועל זיי טאָן און זיי צעשפּריצן
און בלײַבן וועט מײַן גורל אַ צעזעצטער.

1943

★

אין ביקס די לעצטע קויל, בײַם זונפֿאַרגאַנג אין מויל,
סכּנה און פֿאַרראַט איז פּעטליעדיק פֿאַרלאָפֿן.
מײַן פֿערד אין שווייס און שוים, שפּרינגט איבער גרוב און צוים,
באַלעגערט איז דער וואַלד און ס׳איז קיין שטעג ניט אָפֿן.

זײַן האַלדז — אַ בלויער קוואַל מיט גאָלדרינג פֿון אַ שטראַל,
פֿאַרטרויט איז נאָך דעם טאָג און צאַפּלט אין מײַן אָרעם.
פֿון מיזרח פֿלייצט די נאַכט, דער מערבֿ פֿאַלט אין שלאַכט,
פֿון צפֿון יאָגט אַ שפּיז און פֿרעמדגערויש פֿון דרום.

מײַן פֿערד איז גרינג ווי רויך און פֿליגל האָט ער אויך,
ניט אַנדערש: איך אַליין בין אויבן זײַנע פֿליגל.
אַהינטערן גאַלאָפּ זײַן שאָטן ברעכט דעם קאָפּ,
ער יאָגט ניט אָן זײַן האָר אין ברענענדיקן עיגול.

און אָט פֿאַר וואָס ער שנײַדט אַ נעפּלדיקע ווײַט:
עס האָט אַ סאָלאָוויי פֿאַרכּישופֿט מײַן געטרײַען.
ווּהין אין וואַלדס געדריי אים ציט דער סאָלאָוויי?
עס עפֿנט זיך אַ טאָל אונדז אײַנצושלינגען דרײַען.

מיר שלינגען אײַן דעם טאָל. און פֿריידיק מיט אַ מאָל
באַגריסט מיך מײַן אָטריאַד בײַ דער לבֿנהס טויער.
ס׳דערלאַנגט מײַן פֿערד אַ פֿאָל מיט גאָלדרינג פֿון אַ שטראַל,
צום קלאַנג פֿון סאָלאָוויי באַוועגט זיך קוים זײַן אויער.

נאַראָטשער וועלדער, 1944

אינהאַלט

דער יונגער קאָפּ פֿון מײַן געיאָגטער שוועסטער 3
די מאָס פֿון טאָג איז ענג און קליין 4
דער צירק 6
די ערשטע נאַכט אין געטאָ 10
פֿון דער פּאָעמע **דרײַ רויזן** 12
שטאַרקער פֿאַר נקמה אין די מערדערס פֿון דײַן מאַמען 20
אַ שווערד מיט פֿליגל 22
קלינג אין די גלעקער פֿון טויבן געוויסן 23
מײַן יעדער אָטעם איז פֿאַר מיר אַ קללה 24
דער נבֿיא ברענט אויף אַ מזבח 26
מע האָט אונדז געפֿאַנגען, מיר זענען געגאַנגען 27
די ליפּן מײַנע — שטיינעריקע לוחות 30
אין ביקס די לעצטע קויל, בײַם זונפֿאַרגאַנג אין מויל 31

דפוס אופסט אמנים מאוחדים בע״מ